ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ וישב, כ״ג כסלו, מבה״ח טבת ה׳תשנ״ב**

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
**שנת הקהל**
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**בס"ד.**

# פתח דבר

הננו מוציאים לאור קונטרס משיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א ש"פ וישב, כ"ג כסלו, מבה"ח טבת שנה זו.

## מערכת „אוצר החסידים"

נר ג׳ דחנוכה ה׳תשנ"ב (**ה**י׳ **ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **ב**כל),
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

## בס"ד. משיחות ש"פ וישב, כ"ג כסלו, מבה"ח טבת ה'תשנ"ב

א. מ'האָט גערעדט מערערע מאָל לאחרונה און בפרט אין דער לעצטער צייט, אַז לויט אַלע סימנים איז אונזער דור דער לעצטער דור פון גלות וב־מילא דער ערשטער דור פון גאולה, וואָרום מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני העבודה און מ'שטייט שוין גרייט צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו תיכף ומיד ממש.

פרעגן אַנדערע: די גאולה איז דאָך תלוי אין דעם אַז די גאַנצע וועלט זאָל דערצו זיין צוגעגרייט, ניט נאָר איין מענטש אָדער עטלעכע מענטשן, ניט נאָר איין טייל פון דער וועלט — נאָר די גאַנצע וועלט, וואָרום די גאולה איז פאַרבונדן און תלוי אין קיבוץ נדחי ישראל מארבע כנפות הארץ, און אויך אין דעם בירור פון אומות העולם בכל הארצות.

וואו זעט מען — פרעגט מען — אַ שינוי אין דער וועלט, אַז די וועלט איז איצטער מער צוגעגרייט צו דער גאולה ווי אין די פריערדיקע דורות?!

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין דורך פריער מקדים זיין דעם טעם אויף דער כללות'דיקער השתלשלות המסעות פון אידן אין גלות ממקום למקום:

אע"פ וואָס די פאַנאַנדערשפרייטונג פון אידן אין די פאַרשידענע מדינות ה־עולם ("מפוזר ומפורד בין העמים"[1]) איז בחיצוניות אַ ירידה, און וואָס מער דער פיזור אַלץ גרעסער די ירידה — זאָגן חז"ל[2] אַז "צדקה עשה הקב"ה לישראל שפיזרן לבין האומות", וידוע דער פי־רוש (הפנימי) אין דעם[3], אַז דאָס איז צוליב די מעלה וואָס קומט דורך דער עבודה פון אידן בכל מקום ומקום, וואָס זיי באַזעצן זיך בהתיישבות אין אַ פרעמדער לאַנד, און זיינען זיך מתלבש (באופן המותר ע"פ הלכה) אין די מנהגי המקום והמדינה (זיי רעדן שפת המדינה בעניני חול וכו'), בכל מקום ומקום לפי ענינו, לפי תכונות המקום ותכונות אנשי המקום,

וכדברי חז"ל[4] "אזלת לקרתא הלך בנימוסי'". ביז ווי דער דין איז[5]: "וזה עיקר גדול בכל דברי משא ומתן הולכין אחר לשון בני אדם באותו המקום ואחר המנהג", "העיקר הגדול בדברים אלו (ש)הוא מנהג המדינה"[6], די מנהגי ה־מדינה פון אומות העולם (וועלכע זיינען רוב תושבי מדינות חוץ לארץ), בכדי אויסנוצן די מנהגים אויף דינען דעם אויבערשטן, וואָרום "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[7] ו"בכל דרכיך דעהו"[8], ביז אויך — "צוגעבן" אין תורה ומצוות.

1) אסתר ג, ח.

2) פסחים פז, ב.

3) ראה תו"ח שמות שלה, א. ועוד. וראה גם לקו"ש חכ"ט ע' 355 ואילך.

4) שמו"ר פמ"ז, ה. ועד"ז בב"ר פמ"ח, יד. וראה ב"מ פו, ב. — וראה בארוכה לקו"ש (חל"ו) תשא תש"נ.

5) רמב"ם הל' מכירה פכ"ו ה"ח. ועד"ז שם פכ"ח הט"ו: אבל במקום שיש מנהג הלך אחר המנהג ואחר לשון רוב אנשי המקום הידועים להם.

6) רמב"ם שם ספכ"ז.

7) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

8) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב.

ובלשון החסידות[9] בביאור מאמר חז"ל[10] „לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים", אַז „גרים" איז מרמז און גייט אויף די ניצוצי קדושה וועלכע געפינען זיך בכל עניני העולם, און דאָס וואָס „הגלה הקב"ה את ישראל" אין פאַרשידענע מקומות בעולם, איז בכדי צו מברר ומזכך ומעלה זיין די ניצוצות וועלכע געפינען זיך אין יענעם אָרט. און דעריבער „צדקה עשה הקב"ה ל־ישראל שפיזרן לבין האומות" – ווייל דורך דעם קומט צו די מעלה פון זייער עבודה בבירור הניצוצי קדושה וועלכע געפינען זיך (אין די מנהגים) בכל מדינה ומדינה ובכל מקום ומקום.

דערפון איז מובן די מעלה אין דעם וואָס אידן ווערן פאַנאַנדערגעשפרייט און באַזעצן זיך אין מערערע פאַרשידע־נע מדינות בעולם – ביז באופן פון „ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה" (כברכת הקב"ה ליעקב[11]) – ווייל דוקא דורך דער עבודה פון אידן בכל מדינות העולם באופן של התלבשות פנימית (בכל מקום לפי ענינו), דורך זיך באַזעצן און לעבן אין דעם לאַנד, און זיך אויפ־פירן בענינים המותרים לויט מנהגי ה־מדינה, קען אַ איד אויפטאָן דעם בירור וזיכוך (באופן של מלמטה למעלה) פון כל מקום ומקום לפי ענינו הוא, אַזוי עס ווערט אַ „דירה לו יתברך בתחתונים"[12], „תחתונים" לשון רבים, לויט יעדער תח־תון (ומקום) בגדרו הוא. משא"כ בשעת מ'געפינט זיך דאָרט באופן עראי, אָדער מ'איז דאָרט משפיע ממקום אחר, טוט מען דאָרט ניט אויף מיט דעם זעלבן אופן ווי בשעת מ'לעבט דאָרט בקביעות ובהתיישבות און מ'איז באַקאַנט מיט די די מנהגי המקום.

נוסף לזה – קומט דורך דעם צו אין דעם תוקף והצלחה פון דער עבודה. ווי פאַרשטאַנדיק בפשטות: דער טעם אויף די חילוקי המנהגים (ע"פ תורה) בין מדינה למדינה, איז צוליב די ספּעציעלע איינגשאַפטן פון דער מדינה (תכונת ה־מקום, תכונת אנשי המקום וכיו"ב), און דערפאַר, בשעת מ'פירט זיך לויט דעם מנהג המקום – וועלכער איז מער צוגע־פּאַסט צו תכונת מקום זה – ברענגט דאָס מער הצלחה. דעריבער דאַרף אַ איד וואָס געפינט זיך במקום זה זיך פירן לויט מנהג המדינה, ביז אַז ער דאַרף אויך אויסנוצן די מנהגי המקום אין זיין עבודת השם, ווייל דורך דעם ברענגט עס מער הצלחה אויך אין זיין עבודה בהתאם למנהגי המקום.

[ביז אַז דאָס גופא וואָס דער דין איז אַז מ'דאַרף זיך פירן לויט מנהגי המקום – מאַכט דאָס איבער אַז דער מנהג המקום ווערט אַ הנהגה ע"פ תורה. ד.ה. אַז דאָרט וואו ס'איז ניט קיין סתירה צו הלכה, איז הלכה עצמה מחייב אַ אידן צו זיך פירן לויט מנהג המדינה בעניני משא ומתן].

ובזה גופא [די עבודה בכל מקום בעולם] זיינען פאַראַן בכללות צוויי ענינים ושלבים – (א) די פעולה פנימית אין דעם תחתון, אַז מ'ברענגט קדושה אפילו אין דעם מקום התחתון, לויט זיינע גדרים. אָבער דאָס קען זיין אין אַן אופן אַז דער תחתון בלייבט אַ תחתון און ער איז מער ניט ווי מקבל פון דעם

9) ראה תו"א בראשית ו, א. ר"פ לך לך (יא, סע"א ואילך). מג"א קיז, ב ואילך. ועוד.

10) פסחים שם. וראה גם זח"א רמד, א ובנצו"א שם.

11) ויצא כח, יד.

12) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

עליון המשפיע. דערנאָך דאַרף זיין אַ העכערער אופן העבודה: (ב) דער בירור וזיכוך איז עד כדי כך, אַז דער מקום (תחתון) עצמו (בתכונותיו המיוחדות) ווערט אַ מקום תורה ומצוות, דורך דעם וואָס מ'בויט דאָרטן אויף מוסדות של תורה ותפלה וגמילות חסדים, בתי כנסיות ובתי מדרשות וכו', אַזוי אַז דער מקום ווערט כאילו ווי זעלבסטשטענ־דיק, און דאַרף ניט אָנקומען צו דער השפעה (פון קדושה) ממקום (שני ו)עליון יותר, און נאָכמער – ניט „כאילו", נאָר באופן אַז מ'איז מגלה די מעלה אין דעם תחתון עצמו, ווי דער מקום ווערט אַזוי ווי דער עצם אַליין (אַ דירה לעצמותו יתברך[13]). ואדרבה: די אנשי המקום טוען אויף אין תורה ומצוות מיט זייער אייגענער איניציאַטיוו (יוזמה), בהתאם צו די ספּעציעלע מנהגים ודרכים („הלך בנימוסי'") פון דעם מקום, מיט וועלכע ער צייכנט זיך אויס פון אַנדערע ערטער.

ג. עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק דער אויפטו פון דורנו זה לגבי הדורות ש־לפני זה: אין די דורות שלפני זה זיינען אידן ניט געווען אַזוי פאַרשפּרייט בכל קצוי תבל ווי בדורנו זה. לא מיבעי בזמן שבית המקדש הי' קיים ווען אידן זיינען געווען אין ארץ ישראל (וסביבתה), נאָר אפילו אין די דורות הראשונים אין גלות, זיינען אידן געווען נאָר אין מדינות מסויימות, עכ"פ נאָר אין חצי כדור העליון; משא"כ בדורות שלאחרי זה – זיינען אידן געוואָרן מער פאַנאַנ־דערגעשפּרייט אין מערערע מדינות, ביז אויך אין חצי כדור התחתון (אין אַמעריקא וכו'), ובכל דור ודור איז אין דעם צוגעקומען נאָכמער, ביז אונזער דור – וואו אידן געפינען זיך בכל קצוי תבל ממש, און זיינען דאָרט מקיים תומ"צ, ובאופן של התלבשות לפי מנהגי המקום, ביז אַז זיי האָבן אויפגעבויט און זיינען ממשיך אויפבויען מוסדות של תורה ומצוות בכל מקום ומקום לפי ענינו.

בשעת מ'טראַכט זיך אַריין אין דעם – אפילו לרגע קל – זעט מען דעם אויפטו פון אונזער דור לגבי פריער־דיקע דורות, אין דעם וואָס מ'האָט דעם בירור וזיכוך פון כל מדינה ומדינה שבעולם.

ועפ"ז המדובר לעיל (וכמה פעמים), אַז לויט אַלע סימנים האָט מען שוין פאַרענדיקט אַלע בירורים, איז מובן פאַרוואָס מ'האַלט שוין באַ דער גאולה.

ד. אַלע ענינים זיינען אויסגעשטעלט באופן של כללות ופרטות[14]. דער ענין הנ"ל – שלימות בירור העולם – שפּיגלט זיך אָפּ במיוחד אין דעם בירור פון מדינת צרפת.

ובהקדים, אַז אין איינער פון די יעודי הגאולה (אין דער הפטורה פון לעצטן שבת) טייטשט מען אויס בפירוש מדינת צרפת: „וגלות החל הזה לבני ישראל גו' עד צרפת גו' ירשו את ערי הנגב, ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה"[15].

דאַרף מען פאַרשטיין: פון דעם וואָס דער נביא איז מפרט דעם גלות וגאולה

13) ראה המשך תרס"ו ס"ע ג. ובכ"מ (נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא הערה 32).

14) ע"ד שהוא בנוגע לתורה – ראה פרש"י ר"פ בהר. הקדמת התניא (ג, סע"ב). ולהעיר ממשנה חגיגה יו"ד, א. גמ' שם יא, א.

15) עובדי' א, כ־כא.

פון צרפת, איז מובן אַז ס'איז דאָ אַ שייכות מיוחדת ביניהם, וואָרום אפילו אַז אידן זיינען לכתחילה פאַרשיקט געוואָרן בתחילת הגלות אין צרפת[16], איז למאי נפק"מ דאָס אויסטייטשן אין פסוק, ובפרט אין אַ יעוד וואָס רעדט זיך (ניט וועגן התחלת הגלות כמעט צוויי טויזנט יאָר צוריק, נאָר) וועגן דער גאולה!

איז דערפון פאַרשטאַנדיק אַז אין דער גאולה איז נוגע אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט צרפת, און אַז „גלות החל הזה" (התחלת הגלות) איז געווען אין „צרפת". ויש לומר הטעם, ווייל שלימות בירור העולם — „והיתה לה' המלוכה" — ווערט אויפגעטאָן דורך דעם בירור ועלי' פון („בני ישראל" אין) צרפת, כדלקמן.

ה. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם שינוי וחידוש אין דער יחס פון אידן בדורנו זה צו מדינת צרפת, לגבי דעם יחס אין דעם דור פון דעם אַלטן רבי'ן:

ס'איז ידוע[17], אַז אין דער צייט פון דעם אַלטן רבי'ן, ווען ס'איז געווען די מלחמה צווישן נאַפּאָליאָן פון פראַנקרייך (צרפת) און דעם צאַר אלכסנדר פון רוסלאַנד, האָט דער אַלטער רבי געהאַלטן (ניט ווי אַן אַנדער גדול בישראל[18]) אַז לטובת המצב הרוחני פון אידן בעניני יראת שמים איז בעסער אַז רוסלאַנד זאָל מנצח זיין און צרפת זאָל האָבן אַ מפלה.

ובלשונו הק'[19]: „אם ינצח ב"פ [בונאַפּאַרט[20]] יורבה העושר בישראל ויורם קרן ישראל, אבל יתפרדו ויתרחקו לבן של ישראל מאביהן שבשמים, ואם ינצח א' [אלכסנדר] אם כי יורבה העוני בישראל ויושפל קרן ישראל אבל יתקשרו ויתחברו ויתעקדו לבן של ישראל לאביהן שבשמים".

דער טעם אויף דעם איז געווען, ווייל צרפת (און נאַפּאָליאָן בראשה) האָט מיט זיך דעמולט פאָרגעשטעלט אַ תנועה פון חופש ר"ל מכל עניני דת ואמונה אין דעם אויבערשטן. און די קליפה פון מלכות צרפת (נאַפּאָליאָן) — וועלכע איז געווען „תוקף הקליפה והדין הקשה" צוליב זייער „גאות והתנשאות לתלות ולסמוך על כחו וגבורתו כו' לומר כחי ועוצם ידי ומסלק ההשגחה ואמונה ובטחון באלקים כו'" (בדוגמת די קליפה פון סנחריב), ווי דער מיטעלער רבי איז מבאר[21] — איז ניט געווען בלויז אַן ענין לפי שעה כו', נאָר נוגע לכל הזמנים והדורות לאחרי זה,

כידוע בדברי הימים אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע בשנת תקמ"ט (וואָס אַלס תוצאה דערפון איז נאַפּאָליאָן געוואָרן פירער פון צרפת עטלעכע יאָר שפּעטער) איז געווען אויך אַן אידיע-

16) ראה רד"ק עה"פ.

17) „בית רבי" ח"א פכ"ב (מה, ב ואילך). ספר השיחות תורת שלום ע' 203. אגרות-קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה ע' תנא. ספר התולדות אדה"ז ע' רנט (בהוצאת תשמ"ו — ח"ד ע' 1025) ואילך. הנסמן לקמן הערה 19. 21.

18) בית רבי שם הערה א. תורת שלום שם. לקו"ד ח"ד תשיז, ב. וראה שיחת ליל שמח"ת (קודם הקפות) תשד"מ.

19) במכתבו להחסיד ר' משה מייזליש — נדפס בבית רבי שם (מז, א). אגרות-קודש אדמו"ר הזקן סי' סד (ע' קנ-קנא). ובכ"מ (נסמנו ב„מקורות והערות" לאג"ק שם ע' תנד).

20) שם משפחה של נאַפּאָליאָן.

21) במכתבו להחסיד ר"מ הנ"ל — נדפס בבית רבי שם (מח, א ואילך). אגרות-קודש אדמו"ר האמצעי סי' ח (ע' רלז ואילך). ובכ"מ (נסמנו ב„מקורות והערות" לאג"ק שם ע' תפט).

לאָגישע מהפכה, אַן ענין כללי וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ שינוי עיקרי אין דער גאַנצער וועלט, און זי איז געווען פון די מאורעות עיקריות אויף וועלכע ס׳זיינען אויפגעבויט גע־וואָרן די יסודות ההנהגה פון דער „מאָדערנער וועלט״ און קולטור, עד היום הזה:

ביז דער מהפכה, איז די ממשלה פון צרפת (ורוב המדינות) געווען אינגאַנצן אין דער האַנט פון דעם מלך ומלכה, און זיי האָבן אָנגעפירט מיט איר ווי באַ זיי איז אויסגעקומען. די רעוואָלוציע איז געווען באַגרינדעט אויף דעם אַז מענטשן זיינען פריי צו זיך פירן ווי זיי ווילן, און דערפאַר האָט מען אַראָפּגע־וואָרפן דעם מלך ומלכה צו באַפרייען די מדינה פון זייער שליטה וממשלה, און דאָס זאָל איבערגיין צו הנהלת ה־ציבור וועלכער שטעלט פאָר כל אנשי המדינה.

כאָטש אפילו אַז דאָס האָט די מעלה וואָס עס קומט צו אין חופש בגשמיות און אין צדק ויושר כו׳, און דאָס וואָלט געבראַכט אַ חירות ועשירות באַ אידן — איז אָבער וויבאַלד אַז מ׳האָט דאָס ניט באַגרינדעט אויף דעם יסוד פון אמונה ובטחון בה׳ — האָט דאָס מיט זיך אויך געבראַכט (און ספּעציעל דורך נאַפּאָ־ליאָן) אַ צוגאַנג פון חופש ברוחניות[22], חופש פון עניני דת, און פריקות עול והפקרות וכו׳, וועלכע האָט משפיע גע־ווען אויף נאָך כו״כ מדינות בזמן ההוא ובזמנים שלאחרי זה.

ומטעם זה האָט דער אַלטער רבי מנגד געווען בכל התוקף קעגן מלכות צרפת, און האָט מתפלל געווען אַז זיי זאָלן פאַרלירן די מלחמה,

ועד כדי כך, אַז צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געוואָלט זיין תחת שליטתם, איז דער אַלטער רבי מיט כל בני ביתו (ו־כל רכושו ונכסיו) אַנטלאָפן פון ליאַדי[23] (ביז אַז בדרך הטבע אַלץ תוצאה דער־פון[24] איז דערנאָך געווען די הסתלקות פון דעם אַלטן רבי׳ן אין כפר פיענא בכ״ד טבת).

און ער האָט מבטיח געווען (דעם מיטעלן רבי׳ן), עד לידי שבועה[25], אַז רוסלאַנד וועט מנצח זיין די מלחמה, און כך הוה. וואָס דורך דעם זיינען אידן דעמולט געראַטעוועט געוואָרן פון דער השפעה בלתי רצוי׳ וואָס וואָלט געווען אויב דעמולט וואָלט צרפת איינגענומען רוסלאַנד, און אידן האָבן דערנאָך געקענט ממשיך זיין עבודתם בקירוב לבם אל אביהם שבשמים. ובמיוחד — דורך דעם גילוי פון תורת החסידות במדינה ההיא דורך רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו פון דעם אַלטן רבי׳ן.

ו. דערביי זעט מען דעם חידוש וואָס איז צוגעקומען במיוחד בדורנו זה אין דעם יחס צו מדינת צרפת, בכח וב־שליחות פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו[26]:

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די מדי־נה איז געווען בזמנים ההם דער „תוקף הקליפה כו׳״, און האָט מנגד געווען צו

22) ראה שיחת שמח״ת תרע״ו — נעתקה בס׳ מגדל עוז (כפ״ח תש״מ) ס״ע תנז ואילך.

23) ראה בארוכה במכתב אדהאמ״צ הנ״ל (אג״ק שם ע׳ רמ ואילך). לקו״ד ח״א יג, ב ואילך.

24) אג״ק שם ע׳ רמד. בית רבי שם מו, א הערה ב. לקו״ד שם יד, ב.

25) אג״ק שם ע׳ רמג.

26) בהבא להלן, ראה גם ספר השיחות תשמ״ט ח״ב ע׳ 570 ואילך. לעיל [סה״ש תשנ״ב ח״א] ע׳ 163-4.

דער הנהגה ע"פ יראת שמים ובפרט בדרך החסידות וכו', וואָס צוליב דעם האָט דער אַלטער רבי אַזוי שטאַרק מנגד געווען צו איר נצחון (כנ"ל ס"ה), און אויך אין די דורות לאחרי זה[27] — זעט מען בפועל, אַז דער מצב אין צרפת איז ניט געווען אַזוי מסוגל אויף יראת שמים כו', און אויך באַ רבותינו נשיאינו (ממלאי מקומו פון דעם אַלטן רבי'ן) איז ניט געווען בקביעות (כ"כ) דער גילוי פון הפצת תורת החסידות אין צרפת[28] —

איז דער מצב איצטער נשתנה געוואָרן מן הקצה אל הקצה, אַז ניט נאָר וואָס דאָרטן האָט דערגרייכט דער אור הקדושה (ממקום אחר), נאָר אידן לומדי תורה (נגלה דתורה ופנימיות התורה) ומקיימי מצוות ביראת שמים האָבן זיך דאָרט באַזעצט למשך זמן, ובמיוחד — בשליחותו פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, און זיך דאָרט עוסק געווען אין לימוד התורה וקיום המצוות בהידור, און מיט שרייבן חידושי תורה וכו', פון וועלכע אויך אַנדערע (במקומות אחרים) קענען לערנען, דורך דעם וואָס דאָס איז דערנאָך אַרויס אין דפוס וכיו"ב.

ובמיוחד — נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, זיינען בהשגחה פרטית אָנגעקומען אַהינצו און זיך דאָרט באַזעצט אידן פון פאַרשידענע מדינות, ביז אַז זי איז געוואָרן אַ מקום ומרכז פון תורה און אידישקייט, פון הפצת התורה והיהדות בכלל און הפצת מעינות החסידות במיוחד, דורך דעם וואָס מ'האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ ריבוי מוסדות של תורה ותפלה, כולל ובמיוחד — ישיבת „תומכי תמימים ליובאַוויטש", אויך „אחי תמימים" וכיו"ב, מיט כו"כ סניפים, און מוסדות חינוך בכלל על טהרת הקודש, און נוסף לזה — דרוקט מען דאָרט ספרים, אין נגלה דתורה און אין פני־מיות התורה, וכ"ז באופן פון הולך ומוסיף ואור.

און דער חידוש בדבר איז מובן ע"פ הנ"ל: כשם ווי דאָס איז בנוגע צו דער עבודה בכללות העולם, אַז מדור לדור זיינען אידן אָנגעקומען אין נייע, ווייטע־רע ערטער בכדי דאָרטן אויפטאָן דעם בירור, וואָרום די שלימות הבירור איז בשעת מ'באַזעצט זיך אין דעם מקום און „הלך בנימוסי'", מ'נוצט אויס די מנהגי המקום אויף מוסיף זיין אין עבודת השם (כנ"ל סעיף ב) — אַזוי איז אויך בנוגע צו דער עבודה פון רבותינו נשיאינו אין הפצת התורה והיהדות און הפצת ה־מעינות חוצה, אַז בהמשך הדורות איז אין דעם צוגעקומען מער און מער, ביז אַז בדורנו זה איז צוגעקומען דער בירור אויך פון מדינת צרפת, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז געווען אַ מקום תחתון ביותר און די מנהגי המקום זיינען געווען דאַמאָלס אַ סתירה צו עניני יראת שמים כו' (וואָס דערפאַר האָט דער אַלטער רבי מנגד געווען צו דעם נצחון פון צרפת), האָבן אידן בדורנו זה (בכח פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, כדלקמן) זיך באַזעצט אין דער מדינה און איר מברר געווען און מזכך געווען, ביז אַז אדרבה — מ'האָט אויסגענוצט די מנהגי המקום („הלך בנימוסי'") אויף מוסיף זיין אין הפצת התורה והיהדות און הפצת תורת ה־חסידות.

ז. ויש לומר אַז דער כח אויף דעם

27) וכן בנוגע לדורות שלפנ"ז — „אשר הרבו להרע בישראל . . כמבואר בספר שבט יהודה באריכות וכו'" (אג"ק אדהאמ"צ שם ע' רלט. וראה גם בספרו שערי תשובה ח"א פ"ה (ה, ב)).

28) וראה לקמן ס"ז שינוי התקופות בזה.

קומט דערפון וואָס אַזוי איז געווען דער סדר באַ דעם נשיא הדור אַליין, כ"ק מו"ח אדמו"ר:

דער מקום קבוע פון רבותינו נשיאינו ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר איז געווען אין מדינת רוסי'. אפילו ווען מ'איז אַרויסגע־פאָרן פון מדינה ההיא — וואָס דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם רבי'ן מהר"ש[29] — איז דאָס געווען נאָר באופן עראי, על מנת לחזור.

באַ נשיא דורנו איז צוגעקומען דער חידוש לגבי די נשיאים שלפניו — אַז ער האָט עוקר געווען מקומו פון מדינת רוסי', און האָט זיך באַזעצט אין אַנדערע מדינות. ובכללות — זיינען בשנות נשי־אותו געווען דריי תקופות, פון לערך עשר שנים (ווי גערעדט אַמאָל[30]): די ערשטע תקופה (תר"פ־תרפ"ח) — בעיקר אין רוסלאַנד, די צווייטע תקופה (תרפ"ח־ת"ש) — אין פולין, און די דריטע תקופה (ת"ש־תש"י) — אין ארצות הברית.

ועפ"ז המדובר לעיל, אַז בכל מקום דאַרף זיין די התלבשות לויט די מנהגים ותכונות המקום („הלך בנימוסי""), זיינען געווען שינויים ממקום למקום אין דעם אופן העבודה פון הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, בהתאם צו דעם מקום וואו ער האָט זיך באַזעצט.

ויש לומר, אַז וויבאַלד אַז באַ נשיא דורנו עצמו איז געווען די התלבשות אין פאַרשידענע אופני העבודה, פון רוס־לאַנד (מקום אבותיו), וואו אַלע רבותינו נשיאינו האָבן געטאָן עבודתם, ביז אין ארצות הברית, חצי כדור התחתון — האָט דאָס געגעבן דעם כח צו אויפטאָן דעם בירור פון כל המקומות שבעולם, אויך אין דעם תחתון ביותר, ווי מדינת צרפת וכיו"ב.

און דאָס איז דער חידוש פון דורנו זה לגבי דעם דור פון דעם אַלטן רבי'ן (און די דורות שלפנ"ז בכלל) — ווי מ'זעט עס בגלוי ביחס צו מדינת צרפת:

לאחרי דער בירור וזיכוך וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך דער עבודה פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה במשך כו"כ דורות פון דעם אַלטן רבי'ן, וואָס די עבודה האָט אויפגעטאָן אַ בירור וזיכוך אויך בכל העולם (בדרך מלמעלה למטה), ועוד ועיקר: קומענדיק אַלס נעענטער צו דער גאולה ווען עס וועט זיין שלימות הבירור פון כל העולם — האָט מען בדורנו זה באַקומען פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו נאָך אַ העכערן כח, צו אויפטאָן דעם בירור אויך פון מדינת צרפת.

ובכללות יותר — האָט זיך אָנגעהויבן די עבודה בזה נאָך פון דעם רבי'ן מהר"ש[31], כידוע[32] אַז ער איז עטלעכע מאָל געפאָרן אין צרפת און האָט דאָרט געמאַכט בעלי תשובה (נוסף לזה וואָס ער האָט דאָרט געטראַכט און אויפגע־טאָן ענינים אין תורת החסידות), און דערנאָך נאָכמער — דורך דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, וועלכער איז דאָרט געווען מערערע מאָל, ביז אַז דאָרט (אין מענטאָן) איז געווען דער „בנין" פון המשך תער"ב הידוע[33], און ער האָט

29) ראה ספר התולדות אדמו"ר מהר"ש (קה"ת תש"ל) ע' 39. 42. 52.

30) לקו"ש חי"ח ע' 303 ואילך.

31) ולהעיר שכמה מרבותינו נשיאינו דיברו בשפה הצרפתית, ראה (לדוגמא) ספר התולדות שם ע' 42. אג"ק אדמו"ר מהורש"ב ח"ד ע' רמו (ושם, שפעם, בהיות כ"ק אדנ"ע עם בנו כ"ק מו"ח אדמו"ר בצרפת, במשך כארבעה שעות דיבר בשפה הצרפתית).

32) ספר התולדות שם.

33) לקו"ד ח"ב שא, א. שה, א.

דאָרטן אויך געשריבן אַ חלק פון דעם המשך[34].

און עיקר ושלימות הבירור – באופן של קביעות והתיישבות ובאופן פנימי[35], ביז באופן פון הפצה – האָט זיך אויפ־געטאָן בדורנו, דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואָס – נוסף לזה וואָס ער איז געווען אין צרפת כמה פעמים, און האָט דאָרט געזאָגט מאמרי חסידות[36] און שיחות[37] – האָט ער דאָרטן געשיקט שלוחים מבני ביתו, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט כמה שנים[38], און עובד געווען עבודתם בלימוד נגלה דתורה ופנימיות התורה, און ער האָט דאָרט געשיקט כתבי חסידות ואגרות קודש שלו, און דאָרט זיינען אויך צוגעגרייט געוואָרן כמה ענינים לדפוס[39] [כמדובר כמ"פ די מעלה פון אַ דבר שבדפוס לגבי אַ כת"י, אַז דאָס דערגרייכט צו אַ ריבוי גדול יותר מענטשן און איז צו זיי מער צו־גענגלעך, משא"כ אַ כת"י, וואָס איז שייך נאָר צו יחידי סגולה באַ וועמען עס ליגט דער כתב און וועלכע קענען דאָס לייענען. ובפרט בשעת מ'דרוקט אָפּ אַ דבר חדש, וואָס דאָס האָט אין אַ זיך אַ חביבות מיוחדת וועלכע ערוועקט סקרנות בטבע האדם[40]], נוסף אויף כו"כ דברי תורה וואָס זיינען דאָרט געשריבן געוואָרן און (דערנאָך) אַרויס לדפוס,

ובכללות – האָט מען דאָרט אויפגעטאָן אַ בירור וזיכוך בדרך התלבשות דורך „הלך בנימוסי"", ודוקא מתוך יראת שמים והידור, בכדי אויפטאָן דעם בירור באופן פנימי, מיני' ובי', וועלכער האָט דורכגעבראָכן די וועג און גיט דעם כח צו צוברעכן און מהפך זיין דעם תוקף הקליפה.

און דער גילוי דערפון בשלימות איז אַרויסגעקומען לאחרי וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר איז אָנגעקומען אין ארצות הברית, אין חצי כדור התחתון, און האָט דאָרט (אין צרפת) מייסד געווען ישיבת תומכי תמימים און נאָך מוסדות, און ממנה געווען און געשיקט שלוחים צו זיך דאָרט באַזעצן און אויפבויען די מוסדות און מפיץ זיין תורה ויהדות בכלל און תורת החסידות במיוחד – ווי מ'זעט במוחש, ובפרט בשנים האחרונות, די הצלחה גדולה ומרובה אין די אַלע פעולות פון הפצת התורה והיהדות וה־מעינות חוצה אין מדינת צרפת, ועוד מדינות, באופן דהולך ומוסיף ואור.

ביז אין אַן אופן, אַז נוסף אויף דעם וואָס נשיא דורנו גיט כח צו ממשיך זיין קדושה אויך אין דעם תחתון (וואָס דאָס קען דאָך אָבער זיין אין אַן אופן אַז די קדושה ווערט דאָרט נמשך דוקא ממקום שני, דער מקום פון נשיא דורנו) – גיט

34) ראה אג"ק הנ"ל ח"ב ע' תשנג.

35) משא"כ אדמו"ר מהר"ש ואדנ"ע לא היו שם באופן של קביעות כו'.

36) ד"ה אני לדודי, מיום ד', ח' אלול תרצ"ו בפריז – ע"פ רשימת מאמרי דא"ח שלו (קה"ת תשכ"ח). ועוד.

37) פורים תרח"ץ בפריז (ספר השיחות תרצ"ו־חורף ה'ש"ת ע' 257 ואילך).

38) בשלהי חורף תרצ"ג התיישבו כ"ק אדמו"ר שליט"א והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע זי"ע בצרפת, שם דרו כשמונה שנים עד שנת תש"א. המו"ל.

39) ראה בפרטיות במבוא לאג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 9 ואילך.

40) ואף שזה בא בתחלה מצד טבעו (טבע גם של אוה"ע), הרי ע"פ פס"ד הרמב"ם (הל' גירושין ספ"ב) שרצונו הפנימי של ישראל הוא לקיים תומ"צ, מובן, שדברי תורה מושכים אותו – מעצם טבעו – ללמוד ולעיין בהם.

ער כח אַז אין דעם מקום גופא האָט מען געמאַכט אַ מקום ומקור אויף תורה, דורך מייסד זיין דאָרט ישיבת תומכי תמימים, אַזוי ווי אין ליובאַוויטש לכת־חילה[41], כאילו ווי דאָס ווערט זעלבסט־שטענדיק, און דאַרף ניט אָנקומען צו דער השפעה פון דעם מקור, וואָרום עס ווערט פונקט ווי דער ענין אַליין.

ונוסף לזה – דרוקט מען דאָרט (און מ׳האָט אָפּגעדרוקט אויך בעבר) דברי תורה, בתורת הנגלה ותורת החסידות, כולל – חידושי תורה, וואָס דאָס איז אויך מדגיש ווי צרפת וכו׳ ווערן אַ מקור אויף עניני תורה לכל העולם כולו, אַז אַנדערע זיינען מקבל פון די עניני תורה וואָס מ׳דרוקט דאָרטן אָפּ, און קענען אין דעם לערנען ואותיות מחכימות[42] וכו׳.

וכאמור לעיל, די אויפטואונגען דאָרט איצטער זיינען דער גילוי בפועל פון די כחות וועלכע כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט דאָרט אַריינגעלייגט בשנים שלפני זה[43]. וואָס זייענדיק דער נשיא הדור – והנשיא הוא הכל[44] – גיט ער דעם כח העצם צו כל אנשי הדור צו אויפטאָן דעם בירור בכל העולם כולו, אויך אין דעם מקום הכי תחתון. ביז אין אַן אופן אַז אין דעם מקום ווערט נתגלה דער עצם אַליין, כנ״ל.

ח. ויש לומר אַז דאָס [ובפרטיות – די צוויי ענינים אין דעם בירור: (א) בירור התחתון (אָבער באופן אַז ער בלייבט תחתון), און (ב) גילוי העצם אין דעם תחתון, אַזוי אַז ער ווערט איין זאַך מיט דעם עליון] איז אויך מרומז אין דעם וואָרט „צרפת״:

„צרפת״ איז פון לשון צירוף, וואָס באַדייט דעם ענין פון צירוף ובירור וזיכוך, ווי עס שטייט בנוגע צו דער גאולה[45] – „יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים״. וואָס די גאולה קומט דאָך דורך דער שלימות הבירור והצירוף פון כל העולם (כנ״ל ס״א).

ולהוסיף (ע״ד הצחות והרמז): „צרפת״ איז אויך בגימטריא שבע מאות ושבעים (770), די שלימות פון מספר שבע, ווי כל א׳ איז כלול מעשר (שבעים), און כל א׳ איז כלול ממאה (שבע מאות), און שניהם יחד (שבע מאות ושבעים). וי״ל אַז דאָס איז מרמז אַז אין דעם בירור פון די מדינות, ווערט נגמר ונשלם בירור כל העולם שנברא בשבעת ימי הבנין בכל הפרטים ופרטי פרטים.

נאָכמער: „770״ – איז דער מספר הבית פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, וואו ער האָט געלעבט און עובד געווען עבודתו בעשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין אין ארצות הברית (חצי כדור התחתון). וי״ל אַז דאָס איז

41) ובלשון מכתבו בקשר להתייסדות הישיבה שם (אג״ק שלו ח״ט ע׳ רפה): „כל מדינה ומדינה יש לה תנאי חיים שונים . . אבל בנוגע הסדרים העיקרים של ישיבת תומכי תמימים אין לזוז מהם אף זיז כל שהוא בכל תוקף כעין דהוא בארעא דליובאַוויטש״. וראה שם לעיל: „ברוך שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה ליסד ישיבת תומכי תמימים במדינת צרפת, ואין לשער גודל העונג והנחת רוח שגורמים בזה להוד כ״ק אבותינו רבותינו הקדושים בשמי עליון כו׳״. – וגודל השמחה בזה יומתק ע״פ המבואר בפנים.

42) של״ה קצא, ב. מגדל עוז הל׳ אישות פ״ד ה״ט.

43) להעיר מדברי הרבנית הצדקנית מרת חי׳ מושקא נ״ע לאחת מהשלוחות דמדינת צרפת: „מיר האָבן געאַקערט און געזייט, און איר דאַרפט שניידן״. המו״ל.

44) פרש״י חוקת כא, כא.

45) דניאל יב, יו״ד.

מרמז אויף דעם צווייטן (העכערן) ענין אין דעם בירור וצירוף [נוסף אויף דעם בירור התחתון ביותר, אָבער באופן אַז ער בלייבט אַ תחתון בערך צו דעם עליון], אַז דאָס ווערט אַזוי ווי דער עצם („770") אַליין, דער בית פון נשיא דורנו, דער מקור אויף הפצת המעינות חוצה בזמן הזה בכל קצוי תבל.

ויש להוסיף, אַז דער ענין שטייט נאָכמער בהדגשה אין „הלך בנימוסי'": מען נוצט אויס די תכונות המקום גופא למעליותא – צו מגלה זיין דעם עצם (פון עצמות ומהות) אין דעם מקום, אַזוי אַז עס הערט זיך אָן ווי דער אָרט ווערט „זעלבסטשטענדיק" בכל עניני תומ"צ (ע"ד די מעלה אין דעם יש הנברא וואָס ער איז מרגיש ווי „מציאותו מעצמותו", וויבאַלד אַז ער נעמט זיך פון עצמותו ית' וואָס „מציאותו[46] הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזה עילה שקדמה לו ח"ו[47]).

וי"ל שהא בהא תליא: בכדי אויפטאָן דעם בירור פון דעם תחתון ביותר, דאַרף מען אָנקומען צו דעם כח העצם. מצד בחי' הגילויים – וואו ס'איז דאָ אַ חילוק בין עליון ותחתון – קען מען ממשיך זיין אלקות אין אַ מקום וועלכער איז אַ כלי מוכשר לזה; משא"כ בכח העצם (שלמעלה מעליון ותחתון) קען מען מברר ומצרף זיין אפילו אַ מקום תחתון וואָס איז ניט קיין כלי, ביז נאָכמער – ממשיך זיין דאָרט דעם עצם אַליין. און אַזוי אויך לאידך: דוקא דורך דעם מקום הכי תחתון – ווערט נתגלה דער עצם, וואָס טוט אויף דעם בירור בכל העולם.

46) תניא אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

47) ראה ס' השיחות – תורת שלום ע' 120 ואילך. המשך תער"ב ח"ב ע' א'קמד. סה"מ תש"ז ע' 238. ובכ"מ.

ט. עפ"ז ווערט מען פאַרשטיין אויך: די שלימות הבירור פון כל העולם אין דער גאולה – „ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה" – איז תלוי און דריקט זיך אויס אין דעם בירור בדרך התלבשות פון גלות „צרפת" – ובשני הענינים הנ"ל: (א) זייענדיק דער מקום תחתון ביותר – ווערט דורך אים אויפגעטאָן גמר ושלימות הבירורים פון כל העולם, כמרומז בשמו „צרפת" מלשון צירוף ובירור. (ב) אין דעם בירור פון צרפת (בגימטריא „770") איז אויך מרומז דער גילוי וואָס גיט דעם כח צו מברר זיין כל הענינים בשלימות, ביז באופן אַז בכל מקום ומקום איז מען ממשיך דעם גילוי העצם.

י. בכדי מאַכן נאָך לייכטער פאַר אַ אידן – האָט מען געזען אַ דבר פלא וועלכער דריקט אויס בגלוי לעיני בשר דעם בירור והפיכה הנ"ל וואָס מ'האָט אויפגעטאָן במדינת צרפת.

[און דאָס איז אויך אַן ענטפער צו די וואָס קלאָגן זיך פאַרוואָס מ'זעט היינט ניט קיין מעשה נסים (ווי בדורות הראשונים). אָט – בהנאמר להלן – איז דאָ איין ביישפיל פון אַ נס, וועלכער באַווייזט ווי די טענה איז ניט אויסגעהאַלטן]:

ס'איז ידוע ומפורסם אַז יעדע מדינה האָט איר ניגון מיוחד, דער „ניגון המדינה" [ע"ד ווי דער דגל המיוחד של כל מדינה], וועלכע מ'זינגט אָדער שפילט באַ אַן אסיפה אָדער מאורע רשמי, אָדער ווען די תושבי המדינה קלייבן זיך צוזאַמען באַ מאורעות מסויימים רשמיים, ועד"ז ווען באי־כח און פאָרשטייער פון דער מדינה פאָרן צו אַנדערע מדינות, וכיו"ב.

ס'איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער ניגון

המדינה שטעלט מיט זיך פאַר אַ דוגמא פון דער מדינה. ועאכו״כ ווען עס רעדט זיך וועגן דעם ניגון פון מדינת צרפת – כידוע, אַז דער ניגון איז נתחבר געוואָרן בעת דער מהפכה[48].

ובפרט ע״פ פנימיות הענינים – איז דאָך ידוע[49] אַז יעדע מדינה (גדולה) האָט איר שר למעלה, ויש לומר, אַז דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט דעם ניגון המדינה, וועלכער איז אויסגעקליבען פון דער מדינה[50].

לפני כמה שנים[51] האָבן חסידים אָנגעהויבן זינגען דעם ניגון פון מדינת צרפת – דער ניגון של המהפכה – מיט די ווערטער „האדרת והאמונה לחי עולמים . . התהלה והתפארת לחי עולמים״[52].

אַ משך זמן קצר לאחרי זה – האָט פּאַסירט אַ דבר פלא ביותר: מדינת צרפת האָט געמאַכט אַ שינוי אין דעם ניגון המדינה הנ״ל[53].

ובסיבת הדבר – זיינען אַלטע חסידים מסביר, אַז לאחרי וואָס דער ניגון איז נתהפך געוואָרן לקדושה (כנ״ל), האָט דאָס דערהערט דער שר ומזל למעלה פון מדינת צרפת, און דאָס האָט גורם געווען למטה דעם שינוי אין דעם ניגון, מצד דעם רגש אַז דאָס איז געוואָרן אַ ניגון וואָס באַלאַנגט בתחום הקדושה, אַ חסיד׳ישער ניגון, וועלכע מ׳זינגט באַ חסיד׳ישע פאַרברענגענישן, כולל אויך – ביי התוועדויות אין מדינת צרפת עצמה!

דערביי זעט מען בגלוי דעם שינוי להקצה וואָס האָט זיך אויפגעטאָן בדורנו זה לגבי דעם דור פון דעם אַלטן רבי׳ן:

מען האָט גענומען דער ניגון און אים מהפך געווען לקדושה – „האדרת והאמונה לחי עולמים״, און מען זינגט אים (מיט די זעלבע תנועות) באַ חסיד׳ישע פאַרברענגענישן, באַ וועלכע מ׳רעדט דברי התעוררות בעניני תומ״צ און תורת החסידות.

ועד כדי כך, אַז עס זיינען דאָ אַזוינע וואָס ווייסן גאָרניט אַז דאָס איז אַ ניגון גענומען פון „ערגעץ״, נאָר מיינען אַז דאָס איז אַ חסיד׳ישער ניגון מעיקרא [אַז מזמן לזמן ווערן נתחדש נייע חסיד׳ישע ניגונים דורך די וועלכע זיינען מסוגלים צו מאַכן אַ גוטן ניגון, און בשעת דאָס ווערט נתקבל ע״י הציבור און מ׳זינגט עס בציבור, ווערט עס אַ חלק פון חסיד׳ישע ניגונים]!

יא. פאַרוואָס דערמאָנט מען וועגן

48) ולהעיר שבשנה זו תתמלאינה מאתיים שנה לחיבור ניגון זה (בשנת תקנ״ב).

49) ראה ספר השיחות תורת שלום ע׳ 204: „כל מלך גדול, כמו מדינתינו ואנגליא וצרפת ואשכנז בודאי יש להם שרים כו׳״, ע״ש בארוכה. וראה גם אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב ע׳ צה ואילך.

50) ראה גם יהל אור (ע׳ שעד) בנוגע לניגוני ישמעאל ואדום (ש„בישמעאל ניגונם הוא של מרה שחורה ומזה מתענגים, ובאדום הוא להיפך ניגונים של חדוה״) – שקשורים עם מהות אומות אלו.

51) בעת ההקפות דליל שמח״ת שנת תשל״ד.

52) ע״ד „נאַפּאָליאָן׳ס מאַרש״ – ראה ספר השיחות תש״ג ע׳ 118, שרבינו הזקן ביקש שיודיעוהו ניגון ה„מאַרש״ שעמו עברו הצרפתים את גבולה של רוסי׳, וכשניגנו הניגון בפניו נענה ואמר שזהו ניגון של נצחון, וסיים – לאחרי משך זמן שהי׳ „שטאַרק פאַר׳דביקות״ – סוף כל סוף יהי׳ דידן נצח!

53) כמה חדשים לאחרי שהתחילו לנגן „האדרת האמונה וכו׳״ בשנת תשל״ד – שינו את קצב הניגון ורככו את תנועותיו (מפני הכבוד), ע״פ הצעת מנהיגה של צרפת דאז. ובשנת תשמ״א שינה אותו מנהיגה החדש (הנוכחי) חזרה לקצבו הקודם. המו״ל.

דעם איצטער? ובפרט אַז אַ חסיד קען דאָך טענה'ן, אַז אים האָט מען אויפגעהאָדעוועט אַז כל ענינו איז – לימוד התורה, ער האָט ניט קיין צייט פאַר אַנדערע זאַכן, כולל אויך – מופתים, ביז אַז זיי זיינען ביי אים גאָר ניט אַזוי תופס מקום[54].

איז ערשטנס – דאַרף זיין די הכרה והודאה לה' אויף די נסים וואָס ער טוט.

ובפרט ווען מ'שטייט בסמיכות לימי החנוכה, וואָס ענינם איז „פרסומי ניסא"[55] – איז אפילו את"ל אַז בשאר ימי השנה דאַרף ניט זיין אַזאַ הדגשה אויף פרסומי ניסא (כדמוכח מזה גופא אַז דאָס איז ענינו פון חנוכה ופורים וכיו"ב) – איז אָבער בימי החנוכה, דאַרף זיין פרסומי ניסא, ויש לומר – אַז דאָס איז כולל ניט נאָר דעם נס המלחמה והנס דחנוכה (פון פך השמן), נאָר פרסומי ניסא אין אַלע נסים וואָס דער אויבערשטער טוט פאַר אידן – „בימים ההם בזמן הזה".

ועוד והוא העיקר: די הכרה והודאה ונתינת שבח לה' אויף די נסים וואָס ער טוט, איז נוסף אויף אַן ענין של הכרת טובה – איז דאָס נוגע צו ביאת משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה, ווי די גמרא זאָגט[56]: „ביקש הקב"ה לעשות חזקי' משיח . . אמרה מדת הדין לפני הקב"ה . . חזקי' שעשית לו כל הנסים הללו (שניצל מסנחריב ונתרפא מחליו[57]) ולא אמר שירה לפניך תעשהו משיח".

עפ"ז איז מובן בעניננו, אַז פרסומי ניסא פון די נסים וואָס דער אויבערשטער טוט בזמננו – איז נוגע צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש!

יב. דערפון האָט מען אַרויס אַ הוראה עיקרית:

וויבאַלד מ'האַלט שוין נאָך אַלע ענינים, און די גאולה איז נאָך ניט געקומען – איז אַ דבר נכון ביותר צו טאָן אין דעם ענין פון „פרסומי ניסא", צו מפרסם זיין באַ זיך און ביי אַנדערע, ובכל מקום ומקום – די נסים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אונז, וויסנדיק אַז דערמיט איז פאַרבונדן די גאולה האמיתית והשלימה!

ועאכו"כ אין די ימי החנוכה, וואָס ענינם איז „פרסומי ניסא" כנ"ל – דאַרף מען זען אויסנוצן די טעג, נוסף אויף די אַלע פעולות ומבצעי חנוכה, אויך – אויף מאַכן חסיד'ישע פאַרברענגענישן [אָדער אָנרופן דאָס בלשון אחר, בכל מקום לפי ענינו, „אזלת לקרתא הלך בנימוסי"], בכל יום פון די ימי החנוכה, און דאָרטן רעדן דברי תורה, נגלה דתורה און פנימיות התורה, און אָננעמען החלטות טובות בכל עניני תומ"צ, ובאופן פון מוסיף והולך ואור (בהתאם צו די נרות חנוכה), ועוד ועיקר – רעדן וועגן פרסומי ניסא, די נסים „בימים ההם בזמן הזה".

יג. די ענינים הנ"ל בקשר מיט צרפת שטייען בהדגשה באַ דער התוועדות, מצד דעם וואָס עס געפינט זיך דאָ אַ קבוצה אידן פון צרפת וועלכע זיינען געקומען אויף דעם שבת דאָ אין דעם בית הכנסת ובית המדרש פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו („770").

ובפרט אַז די אידן זיינען זיך עוסק

54) וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' צד. סה"מ תש"ט ע' 43 (השני). סה"ש תשמ"ז – שיחת ש"פ תבוא.

55) שבת כא, ב ובפרש"י.

56) סנהדרין צד, א.

57) פרש"י שם.

אין אויפבויען מוסדות חדשים אין צרפת און אין הדפסת ספרים חדשים, וכמדובר לעיל ווי דאָס איז נוגע אין דעם בירור פון כל העולם. נוסף אויף דעם — וואָס דאָס גיט זיכער צו הצלחה אין אַלע ענינים פון די מתעסקים בזה, בגשמיות וברוחניות, און גיט צו אין זייער פאַר־בונד מיט תורה ומצוות, דורך דעם וואָס זיי זיינען מוסיף בפשטות בקיום התורה והמצוות, כולל ובמיוחד — אין מצות הצדקה, וואָס איז מקרבת את הגאולה[58], די גאולה פאַר אידן בכל העולם כולו.

דעריבער איז מהנכון צו זיי מכבד זיין מיט זאָגן „לחיים״, און דערפון זאָל נמשך ווערן אַ הוספה בחיים צו יעדער־ער פון זיי און צו אַלע מסובים בתוך כלל ישראל.

ולהוסיף, אַז דאָ געפינען זיך אויך אורחים פון מדינת קנדה, וועלכע האָט אַמאָל געהאַט אַ שייכות צו מדינת צרפת.

יד. ויהי רצון, אַז דער בירור והפי־כה פון צרפת — צוזאַמען מיט שלימות עבודת הבירורים בכל העולם — זאָל שוין ברענגען בפועל ממש דעם קיום היעוד „וגלות החל הזה לבני ישראל גו׳ עד צרפת גו׳ ירשו את ערי הנגב, ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה׳ המלוכה״, בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, „פרצת עליך פרץ״[59], „זה משיח שנאמר[60] עלה הפורץ לפניהם״[61],

(און ווי מ׳איז מסיים ברכת החודש בשבת זה:) „ונאמר אמן״.

[האורחים שיחיו מצרפת אמרו „לחיים״. וניגנו „האדרת והאמונה לחי עולמים״. ובאמצע הניגון רמז כ״ק אדמו״ר שליט״א באצבעותיו הק׳ לשרוק[62]].

58) ב״ב יו״ד, א. וראה תניא פל״ז (מח, ב). תניא אגה״ק ס״י (קטז, א).

59) פרשתנו לח, כט.

60) מיכה ב, יג.

61) אגדת בראשית ספס״ג. וראה ב״ר ספפ״ה ובפרש״י.

62) להעיר מהשייכות דשריקה לענין הגאולה וקיבוץ גליות (כמ״ש אשרקה להם ואקבצם — זכרי׳ י, ח. חולין סג, א. וראה סד״ה וישב העת״ר (המשך תער״ב ח״ב ע׳ תשפג). שיחת פורים תשל״ו), ולשמחה שלמעלה ממדידה והגבלה באופן של „פרצת״ (אותיות „צרפת״). ולהעיר, שזהו גם ענינה של סעודה שלישית בשבת (ראה שבת קיח, א־ב, זח״ב פח, ב. וראה סידור (עם דא״ח) ר, א ואילך. ובכ״מ).

**לזכות**

החתן התמים **מנחם מענדל** שי׳
**שפינדלר**

והכלה **רבקה** תחי׳
**גנדל**

לרגל נישואיהם בשעטומו״צ
כ״ז כסלו תשפ״ג – שנת הקהל

ושתהי׳ בשעה טובה ומוצלחת
ויבנו בית בישראל בנין עדי עד
על יסודי התורה והמצוה
כפי שהם מוארים במאור שבתורה
זוהי תורת החסידות

לנח״ר כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**